Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראָשען | היינט 8 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 92 | Łódź, Środa, 22 kwietnia 1931 r. | נייַנטער יאָהרגאַנג | לאָדז, מיטוואָך, ה' אייר תרצ"א | № 92

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

# סיים=אָפּאָזיציע און די באַהן=הלוואה

## ב. ב.=קלוב גרייט זיך שטאַרק צו די סיים=זיצונגען. — די אָפּאָזיציע איז געגען דער הלוואה

## ביז שבת זאל די סיים-סעסיע פערענדיגט ווערען

וואַרשאַ, 21. (טעלעפאָניש פון אונזער סיים־קאָרעספּאָנדענט). הגם די סיים־טעסיע קומט פאַר שוין היינטיגען דאָנערשטאָג איז נאָך אין סיים פוסט ס'קומען זיך נאָר צונויף די דעפּוטאַטען פון ב.ב.

דער פאָרזיצענדער פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע ביים סיים דעפּ. האָלובקאַ האָט צונויפגערופען אויף דאָנערשטאָג 12 אַ זייגער בייטאָג אַ שותפותדיגע זיצונג פון דער פינאַנץ און בוי־קאָמיסיעס, כדי צו בעטראַכטען דעם הלוואָה־פאָרשלאַג.

אַלס רעפערענט פון דער דאָזיגער פראַגע האָט די ב.ב. בעשטימט דעם געוועזענעם וויצע־פינאַנץ־מיניסטער דעפּ. סטאַזשינסקי, די פינאַנץ־קאָמיסיע פון סענאַט איז צוזאַמענגערופען געוואָרען אויף מיטוואָך, פינף נאָכמיטאָג, אויף דער זיצונג וועט בע־שטימט ווערען אַ רעפערענט פאַר דעם הלוואָה־פאָרשלאַג.

די מאַסגעבענדע פאַקטאָרען ווילען דעם גאַנ־צען ענין פערענדיגען שבת אין אָוועגד, דאָס איילע־נישט קומט פאַר צוליב דער אויגענבליקליכער גר־סער קאָניונקטור אויפ'ן פראַנצויזישען געלד־מאַרק.

וואַרשאַ, 21. (טעלעפאָניש פון אונזער סיים־קאָרעספּאָנדענט). ביים סייס־מאַרשאַלעק שוויטאַלסקי איז היינט פאָרגעקומען אַ גלעזעל טיי פאַר די „בע־בע"־דעפּוטאַטען. וועלכע געהערען צו דער פינאַנץ־און קאָמוניקאַציע־קאָמיסיעס ביים סיים. ס'איז אַרום גערעדט געוואָרען די פראַגע פון בייעם הלוואָה־אָפּמאַך.

וואַרשאַ, 21. (טעלעפאָניש פון אונזער סיים־קאָרעספּאָנדענט). אין „בעבע" קלוב פון סיים איז היינט פאָרגעקומען אַ זיצונג, אויף וועלכער ס'איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע ווי אַזוי צו רעאַגירען אויב די אָפּאָזיציע וועט וועלען שטערען דאָס אָנ־געהמען דעם הלוואָה־אָפּמאַך. ווי בעקאַנט איז די אָפּאָזיציע געגען דעם הלוואָה־אָפּמאַך ווייל זי האַלט אַז די נייע באַהן־ליניע ווערט איבערגעגעבען אין פרעמדע הענד, ס'וועט אַריינגעזעצט ווערען אַ פרעמ דער קאָמיסאַר א.אַ.וו.

ס'זענען אָנגענומען געוואָרען ענטשפּרעכענ־דע בעשלוסען.

וואַרשאַ, 21. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָר־רעספּאָנדענט). די אָבליגאַציעס פון דער געשלאָסע־נער הלוואָה מיט די פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטען אויפ'ן בויען די באַהן־ליניע גדיניע—שלעזיען וועט־לען זיין צו 1000 פראַנק אַ שטיק. אָבליגאַציעס וועלען קיינעם נישט פערקויפט ווערען, נאָר וועלען אינגאַנצען געהאַלטען ווערען דורך די פראַנצויזישע בענק.

אויב דער סיים זאָל היינטיגע וואָך ראַטיפי־צירען די הלוואָה וועט די ערשטע פאַרציע אָבלי־גאַציעס אויף 400 מיליאָן שוין פערטיג ווערען די קומענדיגע וואָכען און וועלען זיך שוין געפינען אויפ'ן מאַרק דעם 1 מאַי.

# יודישער זשורנאַליסטען=סינדיקאַט און פען=קלוב

## אינטערווענירען וועגען אַרעסטירטען יעקב באַטאָשאַנסקי

וואַרשאַ, 21 (ימ"אַ טעלעגראַפיש) ד"ר נאָטליב אין נאָמען פון זשורנאַליסטען-סינדיקאַט און אהרן צייטלין אין נאָמען פון יודישען-פען-קלוב האָבען זיך היינט געווענדעט צום רומעניש ען קאָנסול אין וואַרשאַ וועגען דעם אַרעסט פון יוד. שריפטשטעלער יעקב באַטאָשאַנסקי, וועלכער איז פערהאַלטען געוואָרען אויף דער רומענישער גרעניץ.

דער רומענישער קאָנסול האָט צוגעזאָגט באַלד צו אינטערווענירען ביי דער רעגירונג אין בוקאַרעשט און בעמיהען זיך, אַז באַטאָשאַנסקי זאָל בעפרייט ווערען.

—=[][][]=—

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז מאָנטאג, ג' אייר געשטאָרבען אין עלטער פון 65 יאהר

נ. ע. פרץ בן הרב הגאון ר' ליבוש שכנא ז"ל מפיעטרקאוו שידלאָווסקי

די לויה איז פאָרגעקומען מאָנטאג, וועגען וואָס עס טיילען מיט די

אין טיפען טרויער=פערבליבענע פאַמיליע.

הילפס=פעראיין

„תומכי אורחים"

די פערוואַלטונג פון „תומכי אורחים" מאַכט בעקאַנט, דאָס בילעטען אויף צו בעקומען

אומזיסטע שבת-מאהלצייטען

ווערען ארויסגעגעבען אין פעראיינס-קאַנצעלאַריע פּאָמאָרסקאַ 18 יעדען דאָנערשטאָג און פרייטאָג.

די יעניגע אורחים, וואָס וועלען זיך ווענדען אין דער קיך זאַכאָדניאַ 20 אָהן בילעטען, וועלען קיין עסען בעקומען. מיט אכטונג

2432 די פערוואַלטונג פון „תומכי אורחים".

זאַל „הזמיר" אַל. קאָשטשושקי 21

קומענדיגען שבת, דעם 25 אפריל, 8.30 אין אָוועגד

וועט די בעקאַנטע יודישע שריפטשטעלערין

רחל פייגענבערג

האַלטען אַ רעפעראַט א. ד. ט.:

„די וועלט וויל מיר זאָלען זיין יודען"

טעזען: 1) די אַלטע און נייע אסימילאַציע, 2) פאַר-וואָס האָבען אַלע פעלקער איצט ליב פרומע יודען? 3) די פריינד פון יודענטום, 4) די יודישע יוגענד, 5) דאָס יודישע פּראָבלעם אין סאָוועט-רוסלאַנד, 6) אַ ביסעל אמת וועגען ארץ-ישראל.

בילעטען פון 50 גר. ביז 2 זל. שוין צו בעקומען אין אַדמיניסטראַ-ציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט" און אין טאָג פון דער פאָרלעזונג ביי דער קאַסע פון „הזמיר".

איבערצייגט אייך

א גרויס

געוועלב

מיט א וויטטראַוו-פענסטער וואָס איז פּאַסענד פאַר יעדען ארט געשעפט. צו ערפאהרען גדאַנסקאַ 11 ביי פּאָזנאַנסקי. מעקלערס געוואונשען.

כשר BAR BRISTOL כשר

ווי עס איז אַלעמען בעוואוסט, איז דער

באַר „BRISTOL" פּאַלודניאָווע 4, טעלעפאָן 151-74

דורך אַ קורצע צייט בעקאַנט געוואָרען אין דער שטאָט מיט זיינע רעעלסטע בעהאַנדלונג און די ביליגסטע פרייזען, ווי אויך די בעסטע קאַלטע און וואַרימע שפּייזען צו יעדער צייט.

מיטאָגען ווערען אַרויסגעגעבען פון 1.50 אָן

ביליגע פרייזען! רעעלע בעדינונג!

כשר. בעקאַנטמאַכונג. כשר

דער ניי-ערעפענטער קאַפע=רעסטאָראַן „אַלאַ קאַרטאַ" שענקיעוויטשאַ 22, טעל. 140-10

מאַכט בעקאַנט, אַז ס'ווערט אַרויסגעגעבען טעגליך געשמאַקע מיטאָגען מיט פיש, שוואַרצע קאַווע-אומזיסט. בעדינונג פריי! אוונדברויט אַ לאַ קאַרט.

קאָנצערט ווי אויך ראַדיאָ פון דער גאַנצער וועלט.

אַ קעכין קען זיך מעלדען פון זאָפאָרט.

ס'ווערט געזוכט פון זאָפאָרט אַ זוניגע שטוב פאַרטער אָדער 1. שטאָק צו דינגען. אָפערטען אין אַדמיניסטר. אונטער ליט. „K. 100"

אַ קוואַליפיצירטער

פריזיר-אַרבייטער

קען זיך מעלדען זאָפאָרט אין פריזיר-אַנשטאַלט ביי בערענטאַן, קעלמאַ 28.

2434

Dr. med.

Gustawa ZAND-TENENBAUMOWA

פרויען=קראַנקהייטען און אַקושעריע

האָט זיך איבערגעטראָגען

אויף פּעטריקאָווער 109

טעלעפאָן 220-25 נעמט אָן פון 12–1 3–5

לאַבאָראַטאָריום פון ערצטליכע אַנאַליזען

Dr. med. J. FAJWLEWICZA

Śródmiejska 16

(פריהער צעגעלניאַנאַ 19) טעל. 117=61

